STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03004

IKH UN DER YAM

Kehos Kliger

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קעהאָס קליגער

איך און דער ים

אײנהיל און שער־בלאַט — י. ראַטנער־מירסקי.

צײכענונג פון מחבר און אילוסטראַציעס — אַל. װײַנשטײן.

קעהאַס קליגער

איך און דער ים

בוענאָס איירעס
1958

KEHOS KLIGER
YO Y EL MAR
(IJ UN DER YAM)

Impreso en la Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723
Copyright by Kéhos Kliger, Buenos Aires, 1958

נאַכט און שטערן

טראָפּיש

טראָפּישע נאַכט.
עקוואַטאָר־נאַכט.
דער מילכוועג —
אַ דימענטענער שטערנטעפּיך.
דער דרום־קרייץ גליט גרין און שאַרף.

דער ים איז הויך.
וואַסער־פעלדזן שטעלן זיך אויף
און ברעכן זיך רוישיק.
כוואַליע־פּליעסק.
אַקוואַמאַרינע קרוינען.
אַ הייסער ווינט
לויפט איבערן אַטלאַנטיק
און קלאָגט.

די אומגעהייער רונדאַרומיקע
אָקעאַנישע שטילקייט,
דער ווייט אָנברעגיק־צעשפּילטער ים —
אָטעמט טיף מיטווירבל־שטורעם.

עפּעס רודערט אין זיין
פּליסיק־אָפּגרונטיקן אינגעווייד,
אין זיין שוואַרץ־תהומיקייט.
עפּעס קאָכט און ברעכט זיך
אויף זיינע שטראָמיקע דנאָען.

טראָפּישע נאַכט.
עקוואַטאָר־נאַכט.
דער ווייט־שטערנדיקער מילכוועג
פינקלט הויך און געהיים.

דער גליענדיקער דרום־קרייץ
גרינט שאַרף און בריליאַנטיק.

1957

אָן שלאָף

ים־נאַכט אָן שלאָף,
מיט אייגענעם גרויסן שאָטן
אויפֿן שיפֿדעק — אַליין,
צווישן הימל — גרויס ווי ים
און ים — גרויס ווי הימל.

וועט מיך אַצינד עמעץ רופֿן?
ניין.
וועט מיך עמעץ היטן פֿון סכּנה?
ניין.

די כוואַליעס זאָגן ניין.
די שטערן זאָגן ניין.

און וווּ איז דער איינזאַמער אַלבאַטראָס,
וואָס האָט היינט פֿאַרנאַכטצו
געשניטן מיט שוואַרץ־פֿליגלנעם עלנט
דעם טיפֿבלאָ־זוניקן רוים?

וווּ זענען די בייטאָגיקע דעלפֿינען,
וואָס האָבן גאָלדשופּיק
געפּליעסקעט אַריין־אַרוים
אין בלאָ־מאַרינעם שפּיגל פֿון ים? —

ים־נאַכט אָן שלאָף.
אומרו און בענקשאַפט
צווישן ים — גרעסער פון הימל,
הימל — גרעסער פון ים.

1957

האַלבנאַכט

שאָטנס אויפֿן ים.
פֿון וואַנען אַזוי פֿיל שאָטנס
אויפֿן סוף־חודש אָן־לבנהקן ים? —

די שיף —
מיט אויסגעלאָשענע לאָמפּן.
האַלבנאַכטיק שלאָפֿן די קאַבינעס.

מיינע אויגן
אויף גרויסן אימהדיקן אָקעאַן
טרינקען אויס די שאָטנס.

און אפשר זענען אַלע שאָטנס
איינער בלויז —
איך אַליין?

און ביז ווען וועלן זיי נאָכיאָגן די שיף
אויף הויכע וואַסערן פֿון עקוואַטאָר? —

אַרום און אַרום,
אויבן און אונטן —
פֿינצטער־געהיימע תהומיקייט.
פֿייכטער טראָפּיק
אין טיפֿן שוואַרצן נאַכטשלונג.

אַן שטערן וואַלקנט דער הימל
נאָענט, רעגנדיק.

שאָטנס אויפֿן ים.
צעריסענע חלומות אין אַנגעכוואַליעטן
געדיכטן חושך.

מײַנע אויגן חלומען מיט ים
און טרינקען אויס די שאָטנס.

1957

שטערנגלי

מיט די אויגן צום ים,
צום ווינט.
צום שטערנגלי
אין חושך פון אָקעאַנישער נאַכט.

די פאַרשווימטע כוואַליעס
רעדן צו מיר ווי פריינט.
איך פאַרנעם און פאַרשטיי
זייערע זאַלציקע, יאָדיקע רייד.

ווייל איינזאַם איז ים
אין ווינטיקן צאָרן.
זיין שפראַך איז מיר היימיש,
ווי די איינזאַמקייט.

פון ערגעצוו
ביז ערגעצווייט
און ווו מיין בליק דערשווימט —
איז נאַכט.
כוואַליקע, סודותדיקע נאַכט.

קיין בלינצל,
קיין פינקל פון מענטש,
פון לעבן.

פולע ים־נאַכט
איבערן פייכט־צעגליטן עקוואַטאָר.
בלויז ווינט און כוואַליעס.
שטערן און איינזאַמקייט.

מיט די אויגן צום ים —
צו זיך אַליין.
דאָס האַרץ מיינס ריטמט,
ווי אייביקער כוואַליקער רויש.

כ׳האָב מיך פאַרמשכונט
צו ים און צו ווינט.
פאַרקנסט מיט נאַכט און שטערן.

1957

איינזאַמסטע שעה

ים און שטערן.
דער קליינער בער, דער גרויסער בער,
אַלע שטערנדיקע בערן
זענען דאָ
אין דער איינזאַמסטער שעה
פון ים און שטערן.

איינטאָניק צעזאָטן
ציט בלאָ־מאַרינער ים־שליאַך.
דער לאַנגער שאָטן
פון שיף גאַפט מיט אַ סך
געצונדענע אויגן און פרעגט, ווי איך:

ווי לאַנג
וועט דויערן דער באַנג
אין איינזאַמסטער שטערן־שעה?

און טינטיק־בלאָ
ענטפערט דער ים־שליאַך צעזאָטן:

אין דיין גורל־געפעכט
און אויף אַלע באַראָטן
פון ים האָסטו אין זיינע קאַלטע שטאָלן
געלאָזט פאַרזינקען די נעכט
אינאיינעם מיט דיין חלום.

ביסט דער ים־פויגל
אָן אַ נעסט,
געטריבן פון דרום צו צפון,
וואָס וואָגלט און מעסט
דעם קורצן רוים פון זיין טאָג —
אַ שאָטן אַנטלאָפן.

אויסגעצויגן
אויפן שיפדעק ליג איך מיט אויגן
אויפגעשטוינטע צום ים, צו שטערן,
צו אַלע קליינע,
גרויסע הינט און בערן
אויפן נידעריקן הימלדאַך.

מאַנאַטאַניק פליעסקעט דער ים־שליאַך
אונטערן שיפדנאָ
און כוואַליעט אין חשכות אַוועק
מיין איינזאַמסטע שטערן־שעה
צו מענטש,
צו שטאָט און ברעג.

1957

ווי אַ מעווע

כ׳בין די איינזאַמע מעווע
מיט סופלאָזן הימל און ים
אין די אויגן,
אָן אַ נעסט, אָן רו.

צוויי אָפענע פליגל
אין קרייזפלי אָן אויפהער,
מיט ווינטיקן פלאַטער
אויף בּאַראָטן פון שטורעם.

אומרו אין אייביקן וואַנדער
צו ברעגן אָן אַנקער.
וואַנדער אין אייביקן אומרו,
מיט גיר אין פלאַמיקן אָטעם.

כ׳בין די איינזאַמע מעווע,
וואָס פאַרברענט איר אומעט
אין ערשטן גלי,
אין אַש פון די זונען.

דאָך איז ליב
דאָס גורל פון געבלויטע מרחקים,
האָריזאָנטן
און גבולן אָן גרענעץ.

ווייל
דאָ ווערט די בענקשאַפט
דערטרונקען אין בלוט
פון יעדן פרעמדן דעמער.

כ'בין די איינזאַמע מעווע
מיט הימל און ים אין די אויגן.

כ'בין דער אומעט,
וואָס שטאַרבט אין דעמער
אויף הויך־ימיקע מרחקים,
ווי די איינזאַמע מעווע.

1957

זעונג

ים. האַלבע נאַכט
צווישן לאַרנאַקאַ און פּירעאַ.

אויפגעריסן פון שלאָף,
מיטן קאָפּ —
אין שיפס בוהיי־אויג־פענצטערל,
נאָענט, אָנצוכאַפּן מיט דער הענט —

אַ לבנה —

אַ רונד־צעפּלאַמטער דיסק
אויפן ווייך־געפּאַלדעוועטן פּנים
פונעם וואַסער.

אין גאַפנדיקן שטוין
מיר קוקן זיךביידע אָן.

האָט זי מיך גערופן,
די לבנה
און אויפגעפּראַלט דאָס שיף־פענצטערל,
מיינע אויגן־שפּיגעלעך?

מיין בלוט האַמערט
אויף דער האַרץ־קאָוואַדלע.
מיינע פיס ווי פון וואַטע —
שרומפּן זיך איין.

מיינע אויגן וואַנדלען
מיטן שטילן פליעסק
פון אומגעהייערן וואַסערפעלד.
אין גלימער פון הויכן שטערנליכט,
אין רונדן קאַלטן שייטער.

ווער האָט מיך אויפגעריסן
צו לבנהקער נאַכט־זעונג
פון שרעק און וווּנדער?

אפשר די טיפע ים־איינזאַמקייט,
וואָס שפּיצט ווי אַ מעסער
אין סאַמע ווייסנט פון האַרץ.

ים. פּאַרטאָגיקער ווינט
צווישן לאַרנאַקאַ און פּירעאַ.

ערשטע פּאַסן ליכט
האָבן אָנגעטרונקען מיינע גרויסע אויגן
מיט בלאָ־באַזעלטער רו.

1953

רגעס דמיון

אויף אַן אַנגעגליטן ראַנד פון שיפדעק,
אָדם־נאַקעט, אונטערן בלאָ־אויפגעשירעמטן
הימל־ימיקן האַלבטאָג — אַליין.
די זון שטעפּט מיט דינע נאָדעלעך
מיין טונקל־אָנגעברוינט לייב,
שיכור פון ליכט, יאָד און זאַלץ.

די אויג־לאָדנדלעך
אויף מיינע בלאַפּלען
פלאַטערן, שפּעלטלען זיך,
שליסן זיך צו.

אין אַזעלכע אויפגעזונטע רגעס דמיון
צווישן ליכט און שאָטן,
וואַכזיין און דרימל,
לעבן און טויט, —
באַפאַלט מיך, ווי אַ שפּיציקער מעווע־שנאָבל,
די ים־שעה פון חשבון,
פון תפילה:

ווער ביסטו
און ווער זענען דיינע אָבות?
ווו איז דער כזית ערד פון דיין וואָרצל
און אונטער וועלכן הימל
בליסטו, וועלקסטו — בוים?

פון וועלכן דעמער
ביסטו אַפּגעשווימען
און ביי וועלכן באַגין
וועסטו אַנקערן?

ווו איז דיין ליימיקע נעסט
פון זיסן פּיין און ביטערער פרייד
און וווהין, ביז ווען וועסטו טראָגן
די באַזונגענע אַשקרוין
פון דיין גראָען איינזאַם? —

די זון וויקלט מיך אין צעפּאַרעטע געוואַנטן.
מיט קילע זאַלצן שפּרענקלט מיך דער ים.
די אומאויפהעריקע סימפאָניע פון אַטלאַנטיק
ריזלט אַרויס-אַריין אין מיין הונגעריק בלוט.

ס'איז מיר בן-חורינדיק גוט
ביז דאַנקשאַפט
און עוליק-פיינלעך
ביז געיאָמער.

מיין האַרץ שוועבט פון פרייד
און מיינע ליפּן שטילן פון פּיין.

אָבער מיין הונגעריק בלוט,
פיל איך, צאַפּלט פאַרתפילהט:

אַלץ איז די שיף פון מיין וועלט.
דער אַנקער זשאַווערט מיט אומעט.
גאָט, שטאַרק זי אויף די הויכע וואַסערן
פון מיין אייביק איינזאַם-זיין,
זי זאָל פון אירע ווייטע וואָגל-נסיעות
דערקומען גאַנץ צום האַפן פון גורל.

אין אָנערדיקן וואַלד פון מיין צייט
ליגן צעשפּאָלטן די שענסטע פינף
אויסגעוואַקסענעביימער פון מיין לעבן.
זע, ווי זיי וועלקן, פוילן און קלאָגן.

אין וויפל נאָך ביימער וועסטו מיך, גאָט,
פאַרבליען און פאַרוואַקסן
און דערנאָך זיי שפּאַלטן
מיט דיין פייערדיקער האַק פון פּיין? —

דאָס ראַנדווינקל פון שיפדעק
קילט אין שאָטן.
אַ פייכטער ווינט שמייסט
מיין נאַקעט לייב.

שווער דערקייקלט זיך פון ווייט
אַ דונער־הילך.
אַ זיגזאַגיקער פּייערשניט
עפנט דעם וואַלקן.

דריי און פּירקאַנטיק טעסען זיך אויס
די צאַרניק־אויפגעהאָרבטע כוואַליעס.
דער פּילאויגיק־קאַלירטער שוימזאַט
שפּריצט־אויף אין מאָדנע וואַסער־אוזאָרן
און שרייט אין מיין אָנגעשפּיצטן אויער.

אַ שטורעם וועט זיין,
רעוועט דער ים.
אַ שטורעם וועט זיין, —
ענטפערט מיין האַרץ.

1957

גאַפונג

עמעץ קומט מיטן לבנהקן ים־שליאַך
אויף דער גאָלד־גערונצלטער שיין.
זע, עמעץ קומט ווי אַ כוואַליע,
ווער זאָל דאָס זיין?

אפשר ווייזט זיך מיר אוים. ס׳איז מיראַזש
אין פיבער פון צעחלומטער שיין.
זע, עמעץ קומט ווי אַ וואָלקן,
ווער זאָל דאָס זיין?

די אייביקע ים־נאַכט לאָקט און כישופט.
דער זילבערברעג ציט זיך אוים און איין.
זע, עמעץ קומט ווי אַ וויזיע,
ווער זאָל דאָס זיין?

אין מיין בלוט צינדן זיך שטערן גאָפּונג,
שטערנדלעך שטוינונג — פרייד און פּיין.
זע, עמעץ קומט ווי אַ חלום,
ווער זאָל דאָס זיין?

עמעץ קומט מיטן געשטערנטן ים־וועג
אויף דער גרין־צעלויכטענער שיין.
ביים וויין פון לבנהקן אומעט —
מיין גאַסט וועט ער זיין.

1951

לבנהקער שאָטן

מיין איינזאַם לבנהקער שאָטן
זינקט אין די פֿאַרפֿינצטע זאַמדן.
מיין ימיקער שאָטן —
ווייט פֿון סטרונעס,
אַ כוסה פֿרייד מיט וויין.

דער ווינט ראָלט אין האַרטן רויש
די רונדע כוואַליקע שוימטרעפּ.
צעפּעדערטע ים־פֿייגל
מיט הונגער און שרעק —
פֿלאַטערן אַף שרייענדיק
צום אויסגעקילטן הימל.

איבערן גרינעם פּליסיקן גלאָזבאַרג
איילן צעריסענע וואָלקן־זעגלען.
אַ געשטערנטער נעפּל
מעקט אַף גיך־גיך פֿונעם ברעג
די פֿאַרזשאַווערטע פֿישער־הייזקעס.

מיין איינזאַם לבנהקער שאָטן
זינקט טיפֿער אין די פֿאַרזילבערטע זאַמדן.

אַ קול. ווידער אַ קול.
ווער רופט עס איצט אָן עכאָ
איבערן קאַלטן זאַט פון כוואַליעס?
ווער שרייט אין דער ים־נאַכט
מיט אַ האַלדז אין פאַרשלייפטע קנופּן? —

ערגעץ גוסט אַ ליכטפינקל.
ס'פאַלט אַ שטערן. נאָך איינער.
און די ציטערנדיקע פייגל
שרייען אַלץ אין אָנגעוואָקסענעם נעפּל.

מיין איינזאַם לבנהקער שאָטן
גראָבט אין די נאַכטיקע זאַמדן.
דאָס פאַרשלייפטע קול אין קנופּן
ווערט העכער, שטאַרקער.

1954

נאַכטליד

דער שטורעמווינט האָט צעבראָכן דעם ים,
אויך די זון.
אויף כוואַליע־שאַרבנס
גוססט ברענענדיקער זונפלאַם.

דער פאַרנאַכט,
וואָס האָט זיך פאַרשטעלט
פאַר אַ שאָטן
און גראָבט אין די זאַמדן
טונקעלע טריט, —
ווערט נענטער, גרעסער.
איך גיי מיט אים.

איך גיי מיט אים דורך מעת־לעתן
אין אָנשטערנדיקע נעכט אַריין
צום אויפגעבליצטן באַגין,
ווען ים וועט אויפשטיין,
ווי אַן אומענדלעך שטיק בורשטין
און די זון וועט זיין גרויס,
ווי דער ים.

איצט איז נאַכט.
די פאַרביימערטע בערג —
ווי איינזאַמע פאַרכישופטע שלעסער,
שווימען אַרום
אין דער ים און וואַלדנאַכט.

מיין בלוט וואַכט.
אויף מיין שטערן — שניטן
פון צייט און אומעט,
חלומט דער גרינער מאָרגנשטערן
פון צווייט און זומער.

און מיינע הענט,
וואָס ווילן זיין פריי,
פאַרבענקטע צו האַלדזן און זינגען, —
וועבן די פילפאַרביקע וואָר
פון זיבן רעגנבויגנדיקע רינגען.

מיין גוף —
וואָרצל, צווייג און שטאָם, —
וואַרט אויף דער גרויסער זון,
ווי צעבראָכענער ים.

1952

קאַפּאַקאַבאַנאַ

א

הינטער דיין האַלב-לבנהקער שטייניקייט
פאַרחלום איך דעם וואָגל פון מיינע טעג
מיט צעגליטע קנאָספּן זון, בלאָ-ימיקייט
און מיט אַ ליד — מיין איינציק פאַרמעג.

גראָ געפלען זיך דיינע בערג מיט אייביקייט
און היטן פאַרשפּיצט דעם טראָפּישן ברעג.
ווי טיף פאַרשטיי איך דאָ מיין אַליינקייט
דורך מיין ליד — דאָס איינציק פאַרמעג.

ב

מאַמיש הילט מיך איין דאָ אַ בלאָער פליגל
און באַשטערנט מיך מיט רו.
אַ פולע לבנה — ווי אַ זילבערנער זיגל,
פאַרחתמעט מיך מיט רו.

אין צעגליטן זאַמד בעט איך מיין געלעגער
אַ פאַרבענקטער נאָך רו.
דעם אומרו וואַרף איך אין ים, ווי אַ זייגער,
פאַר אַן איינציקער נאַכט רו.

1954

שאָטן און אײַנזאַמקײט

אין זעגלען

ים. כוואַליקער ליאַרעם.
געוואָלקנטע זונען.
זונגעלאָקטע וואָלקנס.
זינגענדיקע ווינטן
איבער זילבערנע פּליאַזשן.

אומענדלעכער דעמער.
נעפּל און שאָטנס.
שרייענדיקע מעוועס.
די לבנה, ווי ס׳פּנים פון אַ טויטן,
שטעקט אין די וואָלענע וואָלקנס.

פעלדזן. נאַכט. שטערן.
איך, ים און שאָטנס.
איך און אויסגעברענטער דעמער.

מיין האַרץ —
אַ ווינטיק זעגל זעגלט אוועק
ווייטער פון נאַכט.
פון דעמער. פון שאָטנס.
פון וואָלקנס און ווינטן.

ים. גילדענער שוימשימער.
איבערגעקערטע שיפלעך,
ווי טרומנעס.
קילע הימלען.
פאַרפינעטע ברעגן.
און מעוועס. מעוועס. מעוועס.

מיינע אויגן זופן אויס
דעם ים. די נאַכט. די שאָטנס.
און די איינזאַמקייט זינגט אין מיר.

די ווינטן גייען מיט האַרפן.
און דער אומעט זינגט אין מיר.

מיינע אָרעמס,
ווי שטיקער דורכגעגליטער בראַנדז,
וואַרטן אַרומצונעמען
דעם שפּראָץ פון כיאור
מיטן גאַנצן כוח — אַזוי!

1951

שוימפייגל

ווינט הייבט אויף פון ברעג
פוכקע שטיקלעך ים־שוים
און בלאָזט זיי אוים
אין ווייסע פליענדיקע פייגל.

נאָר די שוימפייגל
דערפליען נישט צו דער זון.

כוואַליעכלעך
וויקלען זיך אָן אויף מיר,
פאַרוויגן מיך
אין פליסיקן זאַט.

אויף מיין ברוסט
בליען גילדענע שוימקריינדלעך.

זון ציט אָן אויף מיר
אַ נייע ברוינע הויט, ווי יאָד.

נאַקעט ליג איך,
ווי אַן אויסגעשאַרפטער פעלדז.

ים רוישט
אין זיין ראַלנדיקן אינגעווייד
מיט רוגזה, שטורעמדיק.

וואַטענע שוימפייגל
הייבן זיך אויף און פאַלן.

און איך — אַליין —
איך פעלדזיק דאָ אַריין
אין די ערשטע בלאָע שאָטנס
פון וואָלקנס און דעמער.

1956

איינזאַמקייט

דאָ איז דער ים
און דאָ איז די איינזאַמקייט.
אַזוי פיל ים
און אַזוי פיל איינזאַמקייט.

מיין שאָטן —
לענגער און שווייגזאַמער.
איך —
אַן עלנטער שאָטן אין די זאַמדן.

די מעוועס
ציטערן אין ווינטיקן פאַרנאַכט.
דער מאַרצאָווער ים
וויגט זיך ווי אַ צעגאָסענער וואָלקן.

דאָרט, ביים ברעג,
אַ שיפל ווי אַן איבערגעקערטע טרומנע.
אַ פישער־הייזקע
טרינקט זיך אין די כוואַליעס.

די וואַסערן ראָלן,
שווענקען אונטער אַ ים־פעלדז.
אַ גלאָזיק פישל
צאַפּלט אוים אין קאַלטער גסיסה.

די מעוועס ציטערן
און פליען אַפּ מיט שאַרף געשריי.
דער זידיקער שוים
מעקט אַפּ זייערע זאַמדיקע צייכנס.

אַ בלאָ רויכל
וויל עפּעס גיך אויפשרייבן אין ווינט.
אַ מענטש מיט אַ נעץ
גייט און פאַרגייט אין די וואָלקנס.

דאָ איז דער ים
און דאָ איז די איינזאַמקייט.
אייביקער ים
און איינזאַמע אייביקייט.

1956

וואָלקנס און כוואַליעס

וואָלקנס. כוואַליעס.
זון. שאָטן.
איך און ים.

די וואָלקנס לויפֿן,
די כוואַליעס איילן.
איך — אין פֿיל איכן —
ביים רוישיקן אייביקן אַטלאַנטיק.

אַרום מיר — וווּנדער,
שטוינונג.
אין מיר — אומרו,
שפּירונג.

דאָ, צווישן מעכטיקייט,
ווי גאָרנישט —
אַ טראָפּן וואַסער בין איך.
דאָ, צווישן אייביקייט,
ווי פֿאַרגייענדיק —
אַ בלעזל שוים בין איך.

אויף דער ווינט,
וואָס יאָגט די וואָלקנס
און ראָלט די כוואַליעס,
קלאָגט אַריין אין מיר:

דו —
אַ טראָפּן וואַסער.
דו —
אַ בלעזל שוים.
אַ פֿעדעמל שאָטן,
אַ מעסטל זונאַש.

דאָך —
ערגעצוווּ פֿון מײַנע טיפֿן,
הער איך,
פֿיל איך —
זינגט.

ליד פֿונעם לעבעדיקן
בלעזל שוים,
ליד פֿונעם זוניקן
פֿעדעמל שאָטן.

אין מײַן אויפֿגעפּראַלט אויג
לויפֿן וואָלקנס,
איילן כוואַליעס.

אין מײַן אויפֿגעצאַפּלט האַרץ
בלאָט דער הימל,
גרינט דער אַטלאַנטיק.

אין מײַן אויפֿגעזונגען בלוט –
אַזוי פֿיל רוישיקער וווּנדער,
אַזוי פֿיל אייביקער אומרו.

1958

STELLA MARIS

צוגעוואָקסן מיט הענט און פּיס
צום זאַמדיקן פּליאַזש,
ווי אַ ים־שטערן,
גייען איבער מיר כוואַליעס —
שטיל,
קיל,
קושנדיק.

איך בין אין גאַנצן ים.
אין גאַנצן ים־שטערן —
קיל,
שטיל,
שליימיק.

אויף מיינע פינגער וועבן זיך אָן
גרעזלעך, אָפּגרונט־געוויקסן, מאָכן.
אויף מיין ברוסט,
מיינע לענדן
גליטשן זיך מושלען אַרויף־אַראָפּ —
שטיל,
קיל,
שווימענדיק.

אין מיינע בלאָ־פֿאַרגלאָזטע אויגן
דער הימל — אַ קרישטאָלענע שיסל.
דאָרט וויגן זיך כמאַרעלעך,
ווי פֿאַרביקע מעדוזעס —
שטיל,
קיל,
דורכזיכטיק.

און איך —
צוגעוואָקסן צום פּליאַזש,
ווי אַ בראָנדזענער ים־שטערן,
איך דמיון אַריין אין ראָזעווען דעמער —
שטיל,
קיל,
חלומענדיק.

אין מיין בלוט פֿאַרגייט די זון.
איך וויל דאָ פֿאַרגיין,
ווי זון און ווי טאָג —
שטיל,
קיל,
שטאַרבנדיק.

1952

געמיט

פאַרוויג מיך, ים,
כ׳בין מיד פון טאָג,
וואָס האָט אויף חורבות
מיך אַרומגעיאָגט.

אויף מיין לייב ברענט
דער שטויב, די שרעק.
פלאַם פון שייטערס,
בליאַסק פון העק.

פאַרוויג מיך, ים,
ווי אַ צעשראָקן קינד.
כ׳האָב מורא
פאַרן שרויטיקן ווינט.

די זון איבער מיר
פלאַקערט אוים.
פאַרוויג מיך, ים,
אין דיין בלאָען שוים.

ב

ס׳שלאָפֿט דער ים,
נאָר איך בין וואַך.
פֿון הימל שיטן זיך די שטערן.
עמעץ וויינט אין מיר
און עמעץ לאַכט,
איך קען עס הייליק שווערן.

ס׳שלאָפֿט דער ים,
נאָר איך בין וואַך.
פֿון הימל שיטן זיך די שטערן.
ערגעץ שפּילט ווער
אַ סאָנאַטע באַך.
אין מײַנע אויגן שפּילן טרערן.

ס׳שלאָפֿט דער ים,
נאָר איך בין וואַך.
פֿון הימל שיטן זיך די שטערן.
עמעץ וויינט אין מיר
און עמעץ לאַכט —
און כ׳קען נישט אַנטשלאָפֿן ווערן.

1943

ליליאַן

דער טאָג אַנקערט אָפּ זיין גילדענע שיף
און גרייט זיך שניידן די ימיקע טיף.
קום גיכער, ער איז נאָך ביים ברעג פאַראַן,
ליליאַן!

לאָז איבער דיין אומעט אין די אַלטע שיך.
דיין שמייכל, פאַרגעס נישט, טו אָן אים אויף זיך
און קום מיט יונגן, מיט באָרוועסן שפּאַן,
ליליאַן!

אין דעמערונג־שעה ביים ברעג זאַלבעצוויים
מירן זען: די גילדענע שיף פאַרגייט.
נאָך איר דער שיינער פייגל־קאַראַוואַן,
ליליאַן!

מירן זען: דער זונראָד אין גלי פון פלאַם
זינקט טיף און טיפער צום גרונט פון ים,
ווי אַ ראָזלעך־בלאָ צעוויגטער דיוואַן,
ליליאַן!

מירן זען: אַ מעוווע דעם נעפּל צעשערט.
אַ שטערן גרינט-אויף און פאַרשלונגען ווערט
פון אַ וואָלקן — אַ זילבערנער שוואַן,
ליליאַן!

מירן זען: העט דאָרט, זיך וויגנדיק קוים,
נעמט אַרום זיך פאַרליבט בוים מיט בוים,
ווי איך מיט דיר — פרוי מיט מאַן,
ליליאַן!

זאַלבעצווייט אין דער זומערנאַכט אַליין,
האַרץ צו האַרץ מירן פאַרחלומטע שטיין
ביים ווונדער פון ים אין בלאָען טומאַן,
ליליאַן!

קום גיכער, זע: פון דער גילדענער שיף
איז קוים געבליבן אויף ימיקער טיף
אַ קריינדעלע שוים, ווי אַ טוליפּאַן,
ליליאַן!

1952

זונווײַן

שיכור, מיט זון אָנגעכוסעט
ליג איך פֿאַרנאַכטצו בײַם ים.
דער טאָג גייט אויס און גוססט
אין בלוט פֿון אייגענעם פֿלאַם.

זאָלן כוואַליעס שלאָגן רווישיק,
קאָכן מיט שוימיקן זאָט.
איך האָב מיך היינט אָנגעכוסעט
מיט זון, סאַליטרע און יאָד.

פֿון אויבן זילבערט אַ מעווע
און פֿלעקט דאָס ימיקע גרין.
זאָל אַטלאַנטיק פֿינען און רעווען,
זאָל זיך וויינען דער ווינט.

מיך אַרט נישט אפֿילו ס'שיפֿל —
אַ שטרוי אויף כוואַליקן קאַרק,
ווען דעמער אין מיינע טיפֿן
שטאַרבט אין בלאָ־ראָזיקן זשאַר.

ער שטאַרבט אין די שענסטע פֿאַרבן
אין מיין אָנגעזוניקט בלוט,
וואָס איז אויכעט גרייט צו שטאַרבן,
ווי ער צו יעדער מינוט.

הינטער מיר שאָטנס — קברנים,
באַגראָבן דעם טאָג אין זאַמד.
די פעלדזן שטייען ווי נאָנעס
און פּרעפּלען קיל און פאַרפלאַמט.

אָבער איך פייף אויף קברנים,
אויף נאָנעס אין דעמערגלוט,
ווען ס׳שפּילט אין מיר ימס סימפאָניע
און ס׳איז מיר אויסטערליש גוט.

1948

FAREWELL

אין די פּאַלמענביימער
גליאיק ראָזט קאַריבישער דעמער.
דער טראַפיק לעשט זיך אויס
און ס'צינדט זיך אָן מיין בענקשאַפט —

קוש מיך צום לעצטן מאָל,
אַלעגריאַ.

שוין אויפגעהויבן דעם אַנקער.
ס'וואַסער רינצלט. די מעוועס שרייען.
דאָס אינדזל רוקט זיך אָפּ
און ס'שווימט אַריין מיין עלנט —

שמייכל צום לעצטן מאָל,
אַלעגריאַ.

וואַלקנס. הינטער מיר
קנוילן אימהדיקע ים-שטורעמס. איבל.
דו ווערסט וויניקער, קלענער
און גרעסער ווערט מיין אומעט —

קוק מיך אָן ס'לעצטע מאָל,
אַלעגריאַ.

געווען אַ טאָג — אַ יאָר.
אפשר אַן אײביקייט פון ליבשאַפט.
איצט ווערסטו ווייט, ווייטער
און נענטער ווערט מיין איינזאַמקייט —

פאַרגעס מיך נישט, אַדיע,
אַלעגריאַ.

אַדיע, פּרעכטיקע פּאַלמע
אין אויסגעגליטן ליבשאַפט־דעמער.
די נאַכט ווערט טיפער, פינצטערער
און אָנגעצונדענער מיין בענקשאַפט —

אַדיע, אַדיע, אַדיע,
אַלעגריאַ.

1957

ליבשאַפֿט

דאָס הייזעריקע קול פֿון ים,
אַלטע מאַטראַסן מיט גלעזערנע אויגן.
בערד. פּייקעס. ווייַן. בענקשאַפֿט.

דער ים ציט די האַרף פֿונעם וואַלד
און קלאָגט אַן ווידערקול.

נעכט מיט געשטאָרבענע טעג
אויף זייערע פֿאַרוואָלקנטע אָרעמס

נעכט אָן לבנות,
אָן שטערן.

לאַנגע נעכט,
וואָס טריפֿן אויס צווישן די פֿינגער
נאָך איין גלעזל ווייַן צום צווייטן
ביים פֿלאָם פֿון אַן אָנגעצונדענעם געדאַנק.
אָן אויפֿגעטויכטע דערמאָנונג,
ווי אַ טויטער פֿיש אויפֿן פּליאַזש.

און די ווייטקייט,
דער פֿאַרבענקטער מהלך
צווישן מיר און דיר,
פֿרוי, נישט־דערחלומטע פֿרייד, —
הימל און ים.
צייט און פֿאַרגאַנגענהייט.
ליבשאַפֿט און טויט.

ווו זענען די קברים פֿון טעג,
ווו איז דער בית־עלמין פֿון גליק? —

און די צייט האַקט אויס
מיט זוניקע העק די פֿאַרנאַכטן
און דער העקער ווערט נישט מיד.

ווי לאַנג וועט ער אויסהאַקן
די גילדענע שטאַמען פֿון טעג?

ווי לאַנג וועט ער זינגען, דער ווינט,
וועט ער קלאָגן
אויף דער האַרף פֿון וואַלד
און צעוויגן די קרוינען,
צעוועקן די נעסטן, די פֿייגל? —

אָ, דאָס הייזעריקע קול פון ים.
די שיכורע כוואַליעס,
וואָס שלאָגן זיך כסדר אָן
און רעוועז, רעוועז
מיט וויים־צעשוימטער רוגזה.
די דערמאָנונגען,
ווי קאַלטע טויטע פיש,
וואָס שטאַרן מיט גלעזערנע אויגן
צו די הימלען אָן לבנות,
אָן שטערן.

אויף מיינע פינגער אָטעמט די נאַכט,
מיד פון פאַרשטויבטע וועגן,
ווי אַ וואָגלער.

און דער באַגין פאַרשטעפּט שוין
מיט בלאָע פעדעם
די צעריסענע וואָלקנס.
אַ בערגל טוט אוים
דאָס נאַכטהעמד פון נעפּל.
אַ מעווע מיט טויפייכטע
בליאַסקנדיקע פליגל —
צערייסט אויף שטיקער דעם טאָג.

און די ווייטקייט,
דער אַנגסטיקער מהלך
צווישן מיר און דיר,
פרוי, נישט־דערחלומטע פרייד, —
הימל און ים.
צייט און פאַרגאַנגענהייט.
ליבשאַפט און טויט.

די ווייטקייט ווערט נאָך ווייטער.
די ווייטקייט זינגט אינעם ווינט
הייזעריק,
אָן ווידערקול,
פאַרגייענדיק.

1949

זשאַמאַנדו

איך ליג בײַם ים. די ברעגן אַרום מיר
אין דעמער זיך הילן.
זשאַמאַנדו, זאָלסט אויף מיר נישט וואַרטן,
נישט בילן.

איך ליג דאָ אַן אָדם-נאַקעטער אין וויג
פון מײַן פערציקסטן זומער.
כ׳האָב מיך פאַרבענקט. רוף מיך נישט,
כ׳וועל אַהיים נישט קומען.

דאָס זאַמדיקע בעט איז מיר ווייכער,
ווי אין מײַן שטײניק שטייגל.
און מיטן הוילן פעלדז — מײַן שכן,
איז גוט אַזוי צו שווייגן.

ס׳איז דאָ גוט און אייביקייט צו שווייגן
ביי בערגלעך אַש פון ווערטער.
מיין אָנגעזוניקט לייב — ווי אַ געליבטע,
די ים־נאַכט גלעט און צערטלט.

דער טאָג האָט אויסגעטאָגט. בלאָגרין ראָזיקן
די שטחימדיקע רוימען.
זשאַמאַנדו, כ׳בין אַ מושלע, אַ קריינגדל שוים,
אַ זעמדעלע כדומה.

כ׳בין אַ פעלדז. אַ וועלעכל, אַ וואָלקנדל.
פון קאָפּ ביז פים דומם.
איבער מיר טאַנצט אַ בליאַסקנדיק ווינטל,
מיט חלום מיך פאַרטרוימיקט.

כ׳ווייס ניט ווער איך בין. איך ווייס נישט
ווער מיין שטאַם איז.
כ׳בין מיט דער גוטער ערד דאָ פֿאַרזאַמדיקט
און פֿאַרימיקט.

אין מיינע אויגן שפּראָצן שוין שטערן.
אויפֿן ברוסט — אַ רעפּטל לבֿנה.
די פֿישלעך גאָלדיקן, זילבערן, פֿאָספֿאָרעווען
אַריבער מיין פּנים.

ווי פּאַרלעך קושן זיך די כוואַליעס אויף
מיינע דורכגעברויזטע גלידער.
זיי צעפּאַלן און נעמען ווידער זיך צונויף,
פֿאַרפֿינען זיך און זידן.

מיינע הענט און פּיס, אַיי, ווי זיי פּלאַפּלען
פון אויסגעשפּאַנטע וועגן.
איך צעטויש דאָ מיינע שטאָטישע שעהן
פאַר איין ימיקער רגע.

פּעלדער, וועלדער, בערג און טייכן דורכן
אויסגעלידערט בלוט מיינס שווימען.
זשאַמאַנדו, היינט וועל איך אַהיים נישט קומען,
כ'בין פאַרוואַלדיקט, פאַרהימלט.

רוף מיך נישט. זאָלסט אויף מיר נישט וואַרטן
און זאָלסט נישט בילן.
מיר איז דאָ גוט צו שווייגן, צו חלומען
און צו שטאַרבן אַפילו.

1948

פעלדן און זעגלען

פעלדזן

א

פעלדזן. ווינט. ים.
פעלדזן — פאַרשפּיצטע מצבֿות אײביקײט.
דורות פאַרגליווערט שווײַגן.

הינטער דער בלאָער טיר פֿון אָוונט
שטײ איך פֿאַרגאַפֿט
און שווײַג צווישן פֿעלדזן.

אויף פֿעלדזענע רוקנס —
קבֿרים פֿון פֿאַרלאָשענע זונען,
קלעטערט הויך
דער באָרוועסער ווינט און ווײנט.

הינטער שטײנערנע ווענט
זיצן עטלעכע שאָטנס —
די אַלטע קבֿרנים פֿון טאָג
און צײלן ווי מטבעות די שטערן,
וואָס די יאָגנדיקע וואָלקנס —
שוואַרץ־באַגרײוועטע פֿערד — פֿאַרשלינגען.

איך שטיי צווישן פעלדזן —
אַ פעלדז.
די וואָלקנס גייען דורך מיין גוף
מיט געוויין פון ווינט.
מיט גערויש פון ים.
מיט פאַרסודעטע טריט פון נאַכט.

און דער באָרוועסער ווינט
קלעטערט אַלץ איבער פעלדזן,
איבער כוואַליקע פלייצעס פון ים,
ווי מירמל און שטאָל —
און וויינט.

ווער האָט אָנגעטון די לבנה-קרוין
אויף די קעפּ פון די שוואַרצע פערד?

ווער האָט געשפּרענקלט זייערע גריוועס
מיטן שימער פון גרויסע דימענטן? —

די וואָלקנס גייען דורך מיין פעלדזן-גוף
מיט יאָמער פון ווינט.
מיט רויש פון ים.
מיט פאַרכישופטע טריט פון נאַכט.

און ווו זענען די שאָטנס —
די אַלטע קברנים פון טעג?
און פאַר וואָס ווערן די פעלדזן
באַוואָקסן מיט נאַכט,
מיט פינצטערער קאָרע שוויַיגן? —

אין די ברונעמס פון מיַינע אויגן
פאַלט אַריַין די פולע לבנה־קרוין.
די פאַרלאָשענע קעפּ
פון די וואָלקנפערד
צעשטויבן זיך אין די פעלדזן.

דער ים ציט צונויף
זיַינע כוואַליקע אַקסלען.
דער ווינט שטאַרבט
אין זיַין לעצט געוויין.

פעלדזן. ווינט. ים.
אין דער געשטערנטער שטילקייט
הער איך דעם גאַנג פון פרימאָרגן־ראָד.
אויף די ראַנדן
פון הויך־פאַרשפיליעטן נאַכטהעמד
זע איך אויפגיין קענטלעך טאָג.

מיינע הענט —
צוגעוואַקסן צום געפעלדזנטן גוף,
פאַרכאַפּט דער קאַך פון שטורעם,
די פוריע פון אויפגעזאָטענעם ים.
אין מיינע פאַרשטייניקטע פינגער
לויפט אויפגעשריגן בלוט.

צווישן פעלדזן —
פאַרשפּיצטע מצבות אייביקייט,
איך שטיי —
אַ פעלדז פון דורות.

דורך מיין גוף,
דורך מיין האַרץ
גייט אַלץ דאָס געוויין פון ווינט.
דאָס גערויש פון ים.
די געהיימע טריט פון דער נאַכט.

1949

ב

פאַרשטיינט אין איינזאַמקייט,
יאָרן און יחום,
קוקט ער אין ווייט־ימיקן נעפּל
צום געדיכטן שוימברויז,
דעם כוואַליקן געווירבל
און שווייגט אין פעלדזיקן שטאָלץ
מיט גבורה פון דורות.

וואָלקנס שפּאַנען אָן קעגן אים
בליציקע בויגנס פייער
אין בייז־ברומיקע געוויטערס.
ים הייבט זיך אויף קעגן אים
מיט געטורעמטע אַקסלען צאָרן.
נאָר דער פעלדז שווייגט
אין זיין גבורה פון דורות.

דער שניי טוט אים אָן צומאָל
אין שווערע ווייסע פעלערינעס,
באַשפּיליעט אים מיט דימענטן.
שטייט דער שומר פון אייביקייט
אין שנייאיקן בלענדגלימער
און שווייגט אין גראַניטענעם דויער.

נאָר צומאָל, ביינאַכט,
פון זיינע שטייניקע געדערעם אַרויס
ברעכט־אויף אַ געזאַנג.

קרעפּטיק ווי זיין קיזל־גוף
איז עס דאָס געזאַנג פון אייביקייט
און ס׳הודעט לאַנג ווי אַ גלאָק
אין דויערנדיקע ווידער־קולות.

ווינטן, וואָלקנס קומען אָן, פאַרגייען.
שטורעמס יאָגן אָן און זידן אויס.
זונען און לבנות
צינדן זיך אָן און פאַרלעשן זיך.
און דאָס פעלדזן־געזאַנג
דויערט גבורהדיק איבער דורות.

דאָ,
צופוסנס דעמדאָזיקן פעלדז,
ליג איך און הער מיך איין,
ווי אייביק זינגט אין מיר
די פעלדזיקע גבורה פון דורות.

1959

בלאָער ניגון

פון איבערגעבראָכענע זונסטרונעס
ציטערט אַראָפּ זיין ניגון.

בלאָער פידל־אומעט
אין פעלדזיקן קופּערשיין
איבערן גרינפלאַמיקן טאָל,
אויף פייערדיקע ים־שפּיגלען.

צעבראָכענער ניגון.
אָוונט־תפילה אין זונפאַרגאַנג.

אויף שטיינרוקנס הויערן זיינע נעכט,
ווי פייגל מיט גליאיקע אויגן,
מיט שווערע פליגל פון וואָגל.

אַ זיצנדיקער שאָטן.
אויפן פידלגריף חלשן פינגער.

אַ ניגון.
אַ ברענענדיקע פידל אין זון־גסיסה.

אַלטע פים
מיט שטויב פון אַלע נעכטנס,
טוליען זיך מיד
אין שעה פון לעצטער רו.

פון אַ גרין־געפאַרבטן דאַך
קרייזלט זיך אַ רויכל.
אויף אַ ברעג
צאַפּלען אין נעץ בריליאַנטענע פישעלעך.

אַ כוואַליע גייט אויף,
ווי אַ קאָפּ פון אַ פרוי און צעפּאַלט זיך.
אַ שוואַלב שימערט פאַרביי,
ווי אַ זילבערנע שער.

צעריסענע סטרונעס.
ווידוי אין לעצטן דעמער.

פון די פאַרנעפּלטע ברעגן
הייבט זיך אויף אַ וואָלקן, ווי אַ האַנט
און דרייט אַראָפּ דעם זונקנויט.
ים־שפּיגלען פאַרלויפן גראַנעטיק.

ווייט, ווייטער טונקלען די פליאַזשן.
שוימיק דעכעט די שטילקייט.
אין די פעלדזן פאַריגלען זיך
הויכע בלאָע ווענט.

דער זיצנדיקער שאָטן,
די פידל צעשיטן זיך אין אַש.

נאָר דער ניגון,
דער בלאָער ניגון קען נישט שטאַרבן.

1954

רעגנבויגנס

אויף ים־שפּיגלען ברענען רעגנבויגנס,
גליען אין ראַשיקע קאָלירן.
די אויפגעהאָרבטע כוואַליקע בערגלעך
צירן זיך אין רובינען־שנירן.

די לאַנגע פֿאַרביקע סטענגעס גלימערן,
שטאַרקן זיך בלענדיק־בונטער.
מיין צעשפּריצט אויג אויף טויזנטער אויגן
איז וויניק פֿאַרן אָקעאַנישן וווּנדער.

ווי קליין איז מיין אָרעם וואָרטפּענדזל
אויף ראַשיקער פּאַליטרע פֿון וואַסער־גרונטן
צו דערכאַפּן אַ פּלעק, אַ שפּליטער
פֿון די רעגנבויגנס צעצונדן.

ראַז קרוינען זיך די געבלעזלטע גריוועס
מיט שפּריצלעך גינגאָלד באַפּינקלט.
אָבער די שפּיגלדיקע תהומיקייט ברעכט זיך,
די בריליאַנטענע קרוינען זינקען.

נאָר ווײַ, צום גרין־צעזאָטענעם שוימשליאַך
קען דער אָוונט — אַ מעווע — נישט דערפליען.
די רעגנבויגנס ווילן נישט שטאַרבן,
נישט פאַרגליען.

די שיף, ווי אַ צעפליגלטער אַלבאַטראָס,
שניידט די דעמערנדיקע ים־קילקייט.
די רעגנבויגנדיקע סטענגעס בלייכן
אין דער אָקעאַנישער שטילקייט.

1953

דריי אַקוואַרעלן

באַגין

זון צעקעמט דעם הויכן ים
אין לאַנגע ראָזעווע שרינגטן.
כוואַליקע קרויזן צעפּאַלן זיך
אין מיליאַרדן שוים-רובינען.

רויטע וואַסערצעפּ, וויאָלעטע שויבערס
זידן אויס ביים ברעג אין שימער.
ים ווערט העכער, דורכזיכטיקער,
ווי אַ באַרג פון בלאָען קרישטאָל.

בייטאָג

שטיל קנייטשט זיך דער ים-פּלאַך,
ווי אַ גרין-פּליושענער טעפּיך.
די פּליסיקע זוניקע פּראַנדזן
קאַרבן טיף די זאַמדיקע ברעגן.

מעוועס ווי גילדענע שוימקריינדלעך
וויגן זיך אויף צעבראָכענע זונען.
אין גערויש פון כוואַליקן אימפּעט
זינגט די גבורהדיקע ים-אייביקייט.

ביינאַכט

איבערן ים־פעלד אין טונקלגראָען בליאַסק
פּאַליעט אַ זילבערנער לבנה־וועג.
פינטעלעך ליכט, ווי צעשאָטענע פונקען,
צאַנקען, לעבן־אויף אין פינצטערער ווייט.

אויפן שליימיקן פעלדז נאָענט פון ברעג
הוידעט זיך דער שאָטן פון אַ פישער־יונג.
כוואַליעס טרייבן זיין פאַרצויגענע ווענדקע.
דאָס לאַמטערנדל לעשט זיך אין ווינט.

1955

ים־רויש

ים־רויש —
אייביקע סימפאָניע פון אַטלאַנטיק.

זידיקע וואַסער־לאַווע
לויפט אין געבלעזולטן שוימפוך
און פאַרפינעט די ברעגן —
די זאַמד־שטחים.

דער ווינט טרייבט
איילִיק־אַנגעוואַקסענע ווייסע גריוועס,
וואָס צעפּלעכטן
און צעגיסן זיך
אין פיל־פליסיקע שפּליטערס,
שפּריצלעך,
קריינדלעך —
אַזוי אייביק, אייביק, אייביק.

ים־רויש —
אייביקע סימפאָניע פון אַטלאַנטיק.

איינטאָניקער רעדער־געָרודער
איבער תהומיקער טיף
פון ימס צעשטראָמטן,
צעוויגטן אינגעווייד.

אומגעצוימטע גבורה.
אָקעאַנישע פוריע.
קאָך און זאָט.
כוואַליע־געיעג אין ראָלנדיקע שוועלן,
וואַסערטרעפּ,
וואָס צעפּאַלן אין ראַשן אימפּעט
מיט פליעסקנדיקן הילך —
אַזוי אייביק, אייביק, אייביק.

ים־רויש —
אייביקע סימפאָניע פון אַטלאַנטיק.

מעכטיקע קראַפט אין אומרו
צו פאַרטרינקען
די בראַנדזוענע פעלדזנקעפּ,
די ווייטע קליינע פישער־שטיבלעך.

ווידער האָרביקן זיך אויף
בלאָגלאָזיקע וואַסערבערג,
וואָס צעשטויסן זיך
אין צעפּלייצטן קאָך.
די קאַלטע פאַרפינעטע לאַווע
פרעסט אַלץ די זאַמדפּליאַזשן
און טיף דונערט דער ים־רויש —
אַזוי אייביק, אייביק, אייביק.

1958

MEMENTO MORI

כוואַליקער אויפקאָך
ווירבלט און שליידערט ביינאַכטיקן ים.
אויפגעשפּיצטע שוימיקע הורבעס
ברעכן זיך,
לויפן צוריק אויף
אין הויכע וואַסערבערג.
גלאָזיקע שוועלן שטעלן זיך אויף
און קראַכן אין צעגאָסענע שטראָמען.
דער ווינט וואָיעט
און קלאַפּט מיט וואַסער־פויסטן
אין מיין בוהיי־אויג־פענצטערל —

מעמענטאָ מאָרי — — — —

הימל מיט ים אין געשלעג.
שוואַרצע וואָלקנצעפּ פלעכטן זיך איין
אין די אויפגעזאָטענע כוואַליעס.
געשטוים און געפאַל,
געדריי און געלויף אין זידיקן פלייץ.
הילכיקער פּליעסק,
ווי ריזן־טאַצן אין מעכטיקן שאַל.
די מאַסטן קלאָגן מוראדיק.
דער שטורעם האַמערט די שיף
מיט בייזער גבורהדיקער פוריע —

מעמענטאָ מאָרי — — — —

וועט מען דערשוווימען צום טאָג —
צו אַ ברעג פון ערד און רו?
אַזוי פרעגט דאָס האַרץ — אַלע הערצער,
וואָס פלאַטערן אין די הענט,
ווי צעשראָקענע פייגל.
און דער ים וואַקסט אָן ביז אַרויף
צו די אָנגעקנוילטע געצאָרנטע וואָלקנס.
וואַסער־פעלדזן טורעמען זיך,
פאַלן צעדריוולט אין קאָכיקן שוים.
דער ווינט וואָיעט מאוימדיק
און רייסט זיך פאַרלעשן דאָס שיפליכט —

מעמענטאָ מאָרי — — —

אונטן, פון די שטאַרק־צעשטראָמטע גרונטן,
טיף ברומט דער ווילד־אָקעאַנישער כוח.
דורכאַנאַנדיקער טויבער אויפהילך
אין פלוצימדיקן אויפבראַך פון וואַסער־הויפנס.
רונד דרייט זיך די שיף,
הייבט זיך אויף
און לאָזט זיך אַראָפּ
קעגן די ראַש־אויפשטייענדיקע ים־ווענט,
וואָס צעגיסן זיך וואַסערפאַליק.
די צערודערטע תהומיקייט ווירבלט
און ברומט מוראדיק פון איר פליסיקן שלונג —

מעמענטאָ מאָרי — — —

די שיפֿנאָז קרעכצט אין גערֿאנגל,
בויערט און שפּאַלט די אויפֿגעכוואַליעטע ווענט.
שטיקער וואָלקנס לויפֿן איבערן דעק
און פֿליוכען אוים שווערע עמערם.
די שיפֿלעך, ווי גרויסע טויטע אַלבאַטראָסן,
קלאַפּן מיט די נאַסע פֿליגל.
די שטאָלענע קאַנאַטן קוויטשען
אין די פּאַרזשאַווערטע שרויפֿן
אינאיינעם מיטן ווינט, וואָס וואָרנט —

מעמענטאָ מאָרי — — — —

דער שטורעם ברעכט די מאַסטן.
די שיף הודעט און וואַרפט זיך
איבערן הויכן ווילד-צעוויגטן ים
אין שאַרפן שניט פונעם סירענע-געוויין.
ווערט מען דערשווימען צום טאָג —
צו אַ ברעג פון ערד און רו?
אַזוי פרעגט דאָס האַרץ — אַלע הערצער,
וואָס פלאַטערן ווי פייגל
און טוליען זיך אין ציטער, אין שרעק —

מעמענטאָ מאָרי — — — —

1957

צעריסענע זעגלען

קאַפּרי. אויפֿן גרינלעכן ים־שפּיגל,
אונטן, צווישן די פעלדזיקע גראָטן
אין לויטער־יוניקן זונגלי —
אַ בית־עלמין פון זעגל־שיפֿן.

מאַסטן און לייוונטן רירן זיך,
זשיפּען נאָך, ווי פליגל פון שוואַנען.

דער ווינט איז שוין נישטאָ.
דער ווינט, וואָס איז אַנגעלאָפן מיט געוואַי,
ווי אַ נאַכט־פּיראַט
און צעריסן די זעגלען.

— וואָס האָט געוואָלט דער פּיראַטן־ווינט
פון די ווייס־שוועבנדיקע חלומות? —

איבער שטייניקע וועגעלעך
טרעפּלט אַרויף צו מיר די שטילקייט
פון קליינעם ווייסן בית־עלמין,
דער נאָך אָטעמדיקער צאַפּל
פון זעגלען — צעבראָכענע חלומות.

— וואָס האָט געוואָלט דער בייזער ווינט
פון דער העל־זעגלענדיקער פרייד? —

אַזוי פֿרעגט מיין האַרץ
אין מיין קול — אַן ווידערקול
און צעשטויבט זיך אין פֿעלדזיגנעם תהום,
אין שלונג פֿון בלאָענדיקע גראָטן.

גאָלדיק שפּילט די יוניקע זון
אויפֿן בלומיקן אינדזל־בוקעט.
טיף בלאָט די שטילקייט
איבער ימס געקאַרבטן קרישטאָל.

— וואָס האָט געוואָלט דער ווילדער ווינט
פֿונעם וויים־שווימענדיקן גליק? —

אויבן, אַרום און אַרום,
די אייקאַליפּטן, מאַראַנצן, אָליוון
וויגן זיך ווייך, אָנשאַרכיק
אונטערן אָפֿענעם הימל־שירעם.

לאַנג און טריב גלעטן מיינע אויגן
די צעריסענע פֿליגל פֿון זעגלען.

1953

טויטע פלאָטוועס

שוין אין די נעצן,
אויף דער וועגדקע
צאַפּלען אוים די פלוספעדערן
זייער שטום לעבן, —
הייבן זיי אָן שטאַרבן,
די פלאָטוועס.

נאָך יעדן ציטער,
יעדן טיפן אויפפלאַטער
מיט אויפגעריסענע גוסדיקע פיסקלעך
אין זאַמד, אויפן שטיין, —
ווערן זיי שטייפער,
גלאָזיקער
און גליווערן.

בלויז דאָס שטאַרע קנעפל — ס'אויג,
בלייבט אָפן צעשריגן
און לאַנג־לאַנג
פאַרקוקט צום גרויסן הימל —
און וויל זיך נישט צומאַכן.

נאָך אַ צאַפּל.
דער לעצטער צוק.
אַ פלוספעדערל
הייבט זיך אויף אין ווינט
און שליימיק פאַלט עס צוריק —
שוין.

די שופּן זילבערן,
גילדן זיך זוניק.
נאָר דאָס רויטלעך רייפל — ס׳אויג,
בליקט נאָך קאַלט צום גרויסן הימל —
און וויל זיך נישט צומאַכן.

וויפל ים און הימל
שרייט דערוואָרגן
פונעם אויפגעריסענעם פּיסקל.
וויפל גרויסער טויט
שטאַרט פונעם אָפענעם אויג.

דו —
מיט דער נעץ,
מיט דער ווענדקע
און מיט דער מענטש-גבורה
אין דיינע גראָבע וואָנצעס, —

דו —
קוק דיך אָן
אין לעצטן גלאָזיקן צוק
פון די גוססדיקע פּישפּיסקלעך.

שפּיגל דיך אָן אין טויט
פון די געשטאָרבענע פּלאָטוועס.

1958

פאַטאַ מאָרגאַנאַ

צווישן טאָג און דעמער
רעוועט דער ים און צאָרנט.
אויפן שיפל פון זיין חלום
פירט ער די שאָטנס פון יאָרן.

קאַפּיטאַן, דער ברעג איז דמיון,
אַ זעונג אָנגעצונדן.
וועסט נישט צו דער ערד זיך דערשיפן
פון זיבן ימיקע גרונטן.

דיינע טעג — די בלאָע מעוועס,
זענען שוין לאַנג פאַרפלויגן.
די שקיעות האָבן אויסגעלאָשן
דעם גלי פון זייערע אויגן.

דאָס שיפל דיינס — אָן אַנקער,
אויף די לעצטע באַראָטן, —
דו וועסט עס נישט קיינמאָל דערפירן
פון די כוואַליקע זאָטן.

די ווייט איז פאַטאַ מאָרגאַנאַ,
נעפל אין שיין פון פלאַמען.
קאַפּיטאַן, דיין גורל איז שטורעם,
שיפּברוך אויף זיבן ימען.

צווישן נאַכט און דעמער,
אויף וואַסערבערג און טאָלן, —
הייבט זיך, זינקט צום תהום
דאָס שיפל פון זיין חלום.

שיפער, ס׳איז דיין לעצטע נסיעה,
די שעה פון בראַוון גורל.
דיינע טויטע שאָטנס פון יאָרן —
נישט לעסטער זיי מיט מורא.

און אויב דו גלייבסט אין ווידוי,
איז די שעה געקומען.
צום האַפן — פאַטאַ מאָרגאַנאַ,
ביסטו שוין דערשוווּמען.

צווישן נאַכט און אָפּגרונט,
אין גרויל פון ערב זינקען, —
וויגט זיך איינזאַם די שיפשאָל
ביזן מאַסט דערטרינקען.

דעם שיפערס לעצטער שאָטן
אין אַש פון אַלע וואָרן, —
שווייגט אוים דעם פיין פון ווידוי
ביי די שאָטנס פון זיינע יאָרן.

1957

מיידלעך ביים ים

די זון זינקט אין גלוטיקן פלאַם.
דריי מיידלעך זיצן אין דעמער ביים ים.

ערשטע:
כ'זע דאָ נאָך אַ טאָג פאַרגיין.
איך בלייב אַליין, מיט זיך אַליין.

צווייטע:
מיין יונג לייב איז צייטיק־צאַרט.
איך האָף און וואַרט, וועלק און וואַרט.

דריטע:
דער ים בלאַט. נאָר בלאָער די פרייד
וועט זיין די נאַכט פון מיין חופּה־קלייד.

מעוועס צעשערן מיט געשריי דעם רוים.
דעם ברעג פאַרפינעט ימיקער שוים.

די זון צוקט אין פייערדיקן שראַם.
דריי מיידל־שאָטנס זינגען ביים ים.

ערשטער:
דער אָוונט קניט ביי מיינע פיס
און כ'ווייס נישט וועלכער מיין שטערן איז.

צווייטער:
נאָך אַ ליד, אַ זיפּץ פון געמיט.
מיין ליבּ, ווי אַ שיינע רויז, פאַרבּליט.

דריטער:
כ׳זע, ס׳וויגט זיך אויף ים־וועג טיף
מיין בענקשאַפט — אַ ווייסע זעגלשיף.

די לעצטע מעווע צירקלט און שרייט.
אַ לייכטטורעם שניידט די נאַכטיקע ווייט.

ים רעוועט און ברעכט זיך פאַרשוימט.
זיצן אין אַנגסט דריי שאָטנס פאַרטרוימט.

בענקען דריי מיידלעך — איין שאָטן לאַנג.
איין חלום אין טרויער. איין פיבער, איין באַנג.

1949

אַלפֿאָנסינאַ

אַלפֿאָנסינאַ קוקט צום ים
און דער ים איז גרין,
נאָר קיין רויזן וואַקסן נישט אין אים.

איי, דער ים איז נישט קיין גאָרטן,
אַלפֿאָנסינאַ.

אַלפֿאָנסינאַ קוקט צום ים
און דער ים איז בלאָ,
נאָר קיין שטערן בליען נישט אין אים.

איי, דער ים איז נישט קיין הימל,
אַלפֿאָנסינאַ.

אַלפֿאָנסינאַ קוקט צום ים.
און שאָטנס רייטן אָן
מיט נאַכט אויף זייערע כוואַליקע גריוועס.

דיין לעצטע לעבעדיקע נאַכט,
אַלפֿאָנסינאַ.

נישט כדאַי געווען,
נישט כדאַי געווען קושן דעם ים,
דיינע שיינע אויגן
זאָלן גרינען קאַלט און פֿאַרשליימט ווי ער,
אַלפֿאָנסינאַ.

דײַנע זילבערנע לאָקן
זאָלן װערן קרײַנדלעך שױם.
די מעװעס זאָלן אײַנשלינגען דײַן קול
אין רױטן דעמערגלי,
אַלפּאָנסינאַ.

אױף דײַנע ליפּן,
װי טױטע מושלען
זאָלן שפּילן קילע גרינע פֿלײטלעך,
נאָר דו אַלײן זאָלסט שװײַגן, שװײַגן,
אַלפּאָנסינאַ.

נישט כּדאַי געװען,
נישט כּדאַי געװען, זאָג איך דיר,
דו זאָלסט װערן ים,
נאַכט און שױם
אױף האַרטן פֿעלדזיקן געררױש,
אַלפּאָנסינאַ.

אַלפּאָנסינאַ קוקט צום ים
און דער ים איז גרין און בלאָ.

1950

צו אַלפּאָנסינאַ סטאָרני, דער אַרגענטינער דיכטערין,
װאָס האָט געפֿונען איר רו אױפֿן דנאָ פֿונעם אַטלאַנטיק.

אינהאַלט

אינהאַלט:

נאַכט און שטערן

טראַפּיש — 13
אַן שלאָף — 15
האַלבנאַכט — 17
שטערנגלי — 19
איינזאַמסטע שעה — 21
ווי אַ מעווע — 23
זעונג — 25
רגעס דמיון — 27
גאַפונג — 31
לבנהקער שאָטן — 33
נאַכטליד — 35
קאַפּאַקאַבאַנאַ — 37

שאָטן און איינזאַמקייט

אין זעגלען — 43
שוימפּייגל — 45
איינזאַמקייט — 47
וואָלקנס און כוואַליעס — 49
Stella Maris — 51
געמיט א, ב — 53
ליליאַן — 55
זונווייך — 59
Farewell — 61
ליבשאַפט — 63
זשאַמאַנדו — 67

פעלדזן און זעגלען

פעלדזן א, ב — 75
בלאָער ניגון — 81
רעגנבויגנס — 83
דריי אַקוואַרעלן:
באַגין — 85
בייטאָג — 85
ביינאַכט — 86
ים־רויש — 87
Memento Mori — 89
צעריסענע זעגלען — 95
טויטע פלאַטוועס — 97
פאַטאַ מאַרגאַנאַ — 99
מיידלעך ביים ים — 101
אַלפאָנסינאַ — 103

ביכער פון זעלבן מחבר:

געזאַנג אויף דער ערד, 1941

מיט לייב און לעבן, 1943

אַ פייפל אין פרימאָרגן, 1944

ברויט מיט חלום, 1950

די וועלט פאַרבעט מיך שטאַרבן, 1950
(צבי קעסעל־פרעמיע, מעקסיקע, 1950)

מיינע ליבע־בריוועלעך צו פרומעטן, 1952
(פרעמיע פון דער קהילה אין בוענאָס איירעס, 1953)

פּייזאַזשן פון ישראל, 1956
(נוימאַן־פרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)

איך און דער ים, 1958

גרייט צום דרוק:

ביטערע טרויבן (לידער פון דרום־אַמעריקע)
ליריק (1948 — 1958)

Este libro se terminó de imprimir el día 18 de junio de 1958, en los Talleres Gráficos de JULIO KAUFMAN, S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires

געדרוקט אין
דרייהונדערט נומערירטע עקזעמפלארן
עקז. נומער . . . .